**קעמפּ העסק: פאַרברענגן און שטייגן**

פאַרקסוויל, ניו יאָרק – די גרין באַוואַקסענע קעטסקילס וועלן די וואָך אָנהייבן ווערן שטילער, און צוביסלעך זיך צוריק אַריינלאָזן אין זייער כמעט צען חדשים'דיגער שטיל-שטאַנד, נאָך וואָס עס ענדיגט זיך זייער סעזאָן, ווען די געגנטן ווירבעלט מיט זומער קעמפּס און זומער פּראָגראַמען וואו אידישע קינדער פאַרברענגן, האָבן אַ לוסטיגן זומער, און געניסן פון די אַנגענעמערע קלימאַט, שיינע נאַטור, און פרישע, ריינע לופט, ווייט אַוועק פון די ישיבת כרכים וואו אַ פריש ווינטל איז אַ יקר המציאות.

צוריקקערנדיג זיך אַהיים, איז צייט צו כאַפּן אַ בליק איבער איין קעמפּ, וואָס איז אייגנאַרטיג און שטייט אַרויס פון די אַלע קאָלאָניעס, באָנגעלאָוס און באָנקס. דאָס איז קעמפּ העסק אין פאַרקסוויל, ניו יאָרק, וועלכע איז פיל מער ווי אַ געוועגליכע קעמפּ, און עס נעמט אַריין אין זיך ספּעציעלע דערגרייכונגען וועלכע פאַרוואַנדלען איר אַלס אַ וועלט וואונדער.

אינעם קעמפּ העס"ק פאַרברענגן במשך די זומער וואָכן עטליכע הונדערט געניסער, וואָס נעמט אַריין אַ גרויסע צאָל קינדער און ערוואַקסענע וועלכע געניסן פון העסק צענטער'ס סערוויסעס במשך דעם קיילעכיגן יאָר, אינאיינעם מיט נאָך קינדער און ערוואַקסענע וועלכע קומען געניסן פון די אויסגערופענע "קעמפּ העס"ק" במשך די זומער וואָכן.

אויב אין אַנדערע קעמפּס זענען די זומער וואָכן אַ צייט ווען מען פאַרגעסט און מען נעמט אַן איבעררייס פון די שולע און לימודים במשך די שולע-יאָר, ווערט אין קעמפּ העסק אויסגענוצט די ספּעציעלע אייגנאַרטיקייטן פון אַ קעמפּ, אַז די קינדער זאָלן אָנהאַלטן דאָס וואָס זיי האָבן געלערנט און זענען געשטיגן במשך דאָס יאָר, און זאָלן זיך ווייטער אַרויפאַרבעטן און שטייגן מיט זייערע מעגליכקייטן, פאַרשטאַנד, און זעלבסט-שטענדיקייט.

עלטערן וואָס זייערע קינדער געניסן במשך'ן יאָר פונעם העס"ק צענטער, דרוקן אויס צופרידנהייט אַז אויך דורכאויס די זומער וואָכן קענען זייערע טייערע פאַרברענגען אין די זעלבע וואַרימע,

געטרייע און איבערגעגעבענע אַטמאָספערע ווי אינעם העסק צענטער, וואו זיי ווערן אויפגעאַרבעט און באַדינט דורך שטאַב מיטגלידער וועלכע געבן זיך איבער פאַר זיי לייב און לעבן, מיט האַרץ און מח, צו פאַרזיכערן דעם אינדיווידועלן תכלית פון יעדעס קינד.

די וואָס עס קומט אויס צו זיין אינעם קעמפ קענען זיך נישט אָפּוואונדערן פון די שווערע אַרבעט וואָס די קאַונסלערס און געהילפן לייגן אַריין צו הייבן, אויפלעבן, און אויפאַרבעטן די קעמפערס. אַלעס ווערט געטאָן נאַטורליך, מיט אַ חשק, מוט, און לעבעדיקייט, ווייל די שטאַב באַשטייט פון וואַרימע הערצער וואָס זייער גאַנצער שטרעבן איז צו זען די קינדער בליען, פאַרברענגן מיט פאַרגעניגען, און בויען אויך זייערע פיזישע און גייסטישע קענטעניסן.

די גרויסע שטרעקעס אינעם קעמפ, וואו די מיטגלידער פאַרברענגן במשך'ן טאָג, עפענען פאַר זיי נייע וועלטן. עס איז אומבאַגרייפבאַר וואָס דאָס רחבות, ספעציעל גרויסע בנינים, און מעגליכקייט אַרומצושפּאַצירן אויף די הערליכע גראַונדס, באַדייט פאַר די מיטגלידער. די באַגרעניצטע דירות אין די שטאָט, ווערן ערזעצט מיט רחבות'דיגע געביידעס און אַ הערליכע האָריזאנט וואו מ'פאַרברענגט אומגעשטערט. דאָס מוטיגט און גיט אַריין אַ פלייס זיך אויפצובויען די פיזישע מעגליכקייטן.

פאַר אַסאַך פאַרשלאָסענע קינדער, איז די געזעלשאַפט אינעם קעמפ - וואו מיטגלידער באַפריינדען זיך און ווערן צוגעבינדן איינער צום צווייטן – אַ געוואַלדיגע הילף זיי אויפצובויען זייערע סאָציאַלע אייגענשאַפטן, וואָס באַגלייט זיי שפּעטער במשך דעם קיילעכיגן יאָר. עס עפנט זיי אויף צו שמועסן און זיך געפינען אין אַ געזעלשאַפט מיט געשוויסטער, פריינט, און זיך געפינען באַקוועם אין עפנטליכע פלעצער.

דאָס מיטהאַלטן און וואוינען אינאיינעם במשך'ן גאַנצן טאָג, דינט אויך אַלס געלעגנהייט פאַר די איבערגעגעבנע קאַונסלערס זיי אויסצולערנען זיך אַליין באַדינען, פירן די אייגענע ווירטשאַפט, און דערגרייכן די מאַקסימום זעלבסטשטענדיקייט.

די שפּיל אַקטיוויטעטן זענען ספּעציעל צוגעשניטן און צוגעפּאַסט אַז יעדער מיטגליד זאָל האָבן וואו צו פאַרברענגען, און עס איז אויך אויסגעאַרבעט מיט אַן סטראַטעגיע אַז עס זאָל אויסשלייפן די באַטייליגטע און פאַרבעסערן זייערע מעגליכקייטן און אייגענשאַפטן – וואָס דאָס איז דער ציל פון העסק: אויפצואַרבעטן יעדן מיטגליד צו די מאַקסימום מעגליכקייטן צו וואָס מ'איז מוכשר. דאָס זעלבע ווערן אויסגענוצט די מאָלצייטן אויסצולערנען די באַטרעפנדע ווי אַזוי צו עסן, גוטע עסן געוואוינהייטן, "טעיבל מענערס" א.ד.ג.

די הנאה וואָס די קינדער האָבן איז אוממעגליך אויסצודרוקן מיט ווערטער און אַרויפברענגן אויפן פּאַפּיר, אָבער די קינדער'ס געזיכטן רעדן פאַר זיך. ווען עס קומט וויזיטינג דעי, ווען די עלטערן קומען באַזוכן זייערע טייערע, קענען זיי זיך נישט אָפּוואונדערן ווי ווייט זיי זענען נישט צו דערקענען. זייערע פּנים'ער שטראַלן: "אַלע וואַרימקייט און ליבשאַפט שפּיגלט זיך אָפּ און מיין ספּעציעלע קינד'ס פּנים. אַסאַך ווערטער ווערן נישט אַרויסגעזאָגט, אָבער זיי גייען גלייך צום האַרץ!" דרוקט זיך אויס אַ גליקליכע מאַמע.

די אויג פאַרכאַפּנדע נאַטור וואָס זעט זיך אָן אינעם קעמפּ, דער הערליכער האָריזאַנט, ווי עס שלענגלען זיך לאַנגע שטרעקעס מיט הערליכע איינגעפלאַנצטע גראָזן, ביימער, בלומען, וואו די קינדער פאַרברענגען אונטער די פולע הערליכקייט פון די בלויע הימלען, און נפלאות הבריאה, שרייען אַרויס: מה רבו מעשיך ה' – ווי הערליך איז השי"ת'ס וואונדער.

אָבער עלטערן ווערן פיל מער איבערגענומען פון דעם צווייטן וואונדער אין די קעמפּ. די איבערגעגעבענע אַרבעט פון די העסק קעמפּ שטאַב מיטגלידער – מיט האַרץ און ליבשאַפט צו די מיטגלידער – שרייט אַרויס מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ. וואו נאָך אין די וועלט איז דאָ אַזאַ איבערגעגעבנקייט און געטריישאַפט פאַר אַנדערע?